מאַריאַן ענקעל און אַנדרעאַס קיונפאַסט

# דער אינטערנאַציאָנאַלער אַנאַרכיסטישער צוזאַמענקום אין װענעציע

באַמערקונג פון דער רעדאַקציע: חברטע מאַריאַן ענקעל, וואָס האָט מיט אַ צייט צוריק געשריבן פאַר אונדזער זשורנאַל וועגן „סאָלידאַרנאָשטש״ אין פוילן, ווו זי איז דעמאָלט געווען מיט אַ גרופּע שווייצאַרישע זשורנאַליסטן, איז די דירעקטאָרין פונעם אינטערנאַציאָנאַלן אַנאַרכיסטישן פאָרשצענטער אין זשענעווע, „סירא״, און זי איז אויך געווען פון די אַקטיווסטע צוגרייטערינס צום צוזאַמענקום אין װענעציע. חבר אַנדרעאַס קיהנפּאַסט איז אַ דייטשער אַנאַרכיסטישער זשורנאַליסט אין דיסעלדאָרף.

אין דער לעצטער וואָך פונעם פאַרגאַנגענעם חודש סעפּטעמבער איז אין דער היסטאָרישער איטאַליענישער שטאָט װענעציע אָפּגעהאַלטן געוואָרן דער אינטערנאַציאָנאַלער אַנאַרכיסטישער צוזאַמענקום מיט דעם מאָטאָ: „1984״. דאָס האָט גורם געווען אַ סאָרט קליינע פעלקער־וואַנדערונג פון אַנאַרכיסטן פון אַלע שאַטירונגען פון די אייראָפּעאישע לענדער, ווי אויך פון די לענדער מעבר לים, קיין װענעציע. געקומען זענען די דאָזיקע מענטשן צו באַטייליקן זיך אין די פילצאָליקע דיסקוסיעס וועגן דער טעאָריע און פּראַקטיק פונעם אַנאַרכיזם, וועגן דער געשיכטע פונעם אַנאַרכיזם און די פּערספּעקטיוון פאַר דער צוקונפט, ווי אויך וועגן קונסט און אַנאַרכיזם. טייל מענטשן זענען אויך געקומען צו באַגעגענען זיך מיט חברים און חברטעס פון כמעט אַלע וועלטטיילן, אַנדערע, ווידער, האָבן געוואָלט פּערזענלעך זיך באַקענען מיט די אינטערנאַציאָנאַלע וואָרטזאָגערס פונעם אַנאַרכיזם.

די הויפּט־צוגרייטערס פונעם צוזאַמענקום זענען געווען די חברים און חברטעס פון דעם „טשענטראָ סטודי ליבערטאַרי ג. פּינעלי״ אין מילאַן, מיט דער מיטהילף פון די חברים פון זשענעווע און װענעציע. און זיי אַלע האָבן טאַקע אַרויסגעוויזן אַ גרויסע בריהשקייט ביים צוגרייטן אַזאַ אימפּאָזאַנטע אונטערנעמונג. אַן ערך הונדערט חברים און חברטעס פון מילאַן, װענעציע און זשענעווע האָבן חדשים־לאַנג אינטענסיוו געאַרבעט צו מאַכן דעם צוזאַמענקום פאַר אַ דערפאָלג, וואָס ער איז דאָס טאַקע געווען, ניט געקוקט אויף די שוועריקייטן, וואָס אויף זיי האָבן די צוגרייטערס זיך געהאַט אָנגעטראָפן.

אויף איין פּלאַץ, אויף „קאַמפּאָ סאַנטאַ מאַרגאַריטאַ״, זענען אין צוויי גרויסע געצעלטן פאָרגעקומען די אָפענע באַגעגענישן ביי די טישלעך און בופעטן, ווו מ׳האָט געקאָנט נעמען עפּעס אין מויל אַרייַן און טרינקען וויין. דאָרטן איז אויך געווען אַ גרויסער אינפאָרמאַציע־פּונקט. ס׳איז אויך געווען אַ בינע, וואָס אויף איר האָבן איטאַליענישע, פראַנצויזישע און שווייצאַרישע כלי־זמרים און זינגערס און זינגערינס באַוויזן וואָס זיי קאָנען. דער עולם האָט אויך געקאָנט הערן רעקאָרדירטע אינטערנאַציאָנאַלע אַנאַרכיסטישע לידער, צווישן זיי צוויי לידער פון דוד עדעלשטאַדטן: „וואַכט אויף״ און „אין קאַמף״.

אויף אַ צווייטן פּלאַץ איז געווען אַ גרויסע אויסשטעלונג פון אינטערנאַציאָנאַלע אַנאַרכיסטישער ביכער, בראָשורן און זשורנאַלן אין כלערליי לשונות, צווישן זיי אויך אין יידיש, ווי די „פרייע אַרבעטער שטימע״ און „פּראָבלעמען״.

אויף אַ דריטן פּלאַץ, אויף „קאַמפּאָ סאַן פּאָלאָ״, זענען געווען די אויסשטעלונגען פון די אַנאַרכיסטישע דאָקומענטאַציע־צענטערס אין זשענעווע, מילאַן, און אין וועצלאַר, דייטשלאַנד. די טעמע פון די עקספּאָנאַטן פון זשענעווע איז געווען: „די געאָגראַפיע און געשיכטע פון דער אינטערנאַציאָ־

---

טאָריטאַרישע, און אַז סאָציאַליזם אָן פרייהייט איז די ערגסטע פאָרעם פון טיראַניי. אין 1976, ווען אַמעריקע האָט געפייערט איר 200סטן געבוירן־טאָג, האָבן די אַנאַרכיסטן אין ניו־יאָרק אויף אַ ספּעציעלער פאַרזאַמלונג דערמאָנט דעם הונדערטסטן יאָרצייט נאָך באַקונינס טויט, פּראָקלאַמירנדיק הערביי די מעלות פון אַרבעטאָרערישער זעלבסט־פאַרוואַלטונג, סעקסועלער באַפרייאונג, גלייכהייט אין דערציאונג און אין איינקום, און די באַזייטיקונג פון דער מלוכהשער מאַכט. ענלעכע פאַרזאַמלונגען זענען פאָרגעקומען אין ציריך, ווין, און אין אַנדערע הויפּטשטעט איבער דער וועלט. הונדערט יאָר נאָך באַקונינס טויט האָט זיין סאָציאַלע וויזיע ווידער אַמאָל אויפגעלעבט פאַר אַ נייעם דור יונגע רעבעלן.

(סוף)

## תיקון טעות:

אין חבר פּאָול אַוורישטעס פּערטן המשך פון זיין סעריע: „באַקונין און די פאַראייניקטע שטאַטן״, אינעם נומער 136, אויף זייט 7, צווייטן שפּאַלט, דאַרף דער זאַץ, וואָס הייבט זיך אָן אויף דער זיבעטער שורה, זיך לייענען אַזוי: דער לעצטער האָט געלויבט באַקונינען, ווי אַ טיפן דענקער, אַן אָריגינעלן גאון, אַ גרויסן געלערנטן, און אַ פילאָסאָף.

דער נאָכפאָלגנדיקער זאַץ דאַרף זיך לייענען אַזוי: וויליאַם ב. גרין, אַן אָנגעזעענער אַמעריקאַנישער תלמיד פון פּרודאָנען, האָט געהאָלפן פאָרמירן אַ פרייהייטלעך סאָציאַליסטישע סעקציע פונעם ערשטן אינטערנאַציאָנאַל אין באָסטאָן.

נאַלער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג". די אויסשטעלונג פון מילאַן און ווענעציע איז געווען וועגן „קונסט און אַנאַרכיע". און די אויסשטעלונג פון וועצלאַר איז געווען וועגן „אַנאַרכיזם אין דייטשלאַנד". גלייכצייטיק האָט מען ניט ווייט פון די דאָזיקע אויסשטעלונגען געוויזן אינטערנאַציאָנאַלע אַנאַרכיסטישע פילמען, צווישן זיי אויך דעם פאַ"ש־פילם וועגן דער געשיכטע פון די יידישע אַנאַרכיסטן אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

די דיסקוסיעס, סעמינאַרן און רעפעראַטן זענען געווען אויף דער אַלגעמיינער טעמע פון „אויטאָריטאַרישע טענדענצן און פרייהייטלעכע שטרעמונגען אין די היינטצייטיקע געזעלשאַפטן". די מערסטע פון זיי זענען געווען אינטערעסאַנט און באַלערנדיק. אָבער אָפט מאָל איז נאָך די דאָזיקע רעפעראַטן און פאַנעל־דיסקוסיעס ניט פאַרבליבן גענוג צייט פאַר פראַגעס און מיינונגס־אויסבייטן מצד דעם צוהעררישן עולם. אַ צווייטע שוואַכקייט איז געווען דאָס, וואָס אַזוי פיל אוניווערסיטעטישע פראָפעסאָרן האָבן זיך גיך אָפגעטראָגן נאָך זייערע לעקציעס שטאָטס צו פאַרבלייבן מיטן עולם אויף נאָך־רעפעראַטישע חברישע שמועסן. אויך די איבערזעצונגס־סיסטעמען האָבן ניט תמיד ריכטיק געאַרבעט און גורם געווען פראָטעסטן צווישן די צוהערערס פון פרעמדשפּראַכיקע דיסקוסיעס. און פאַרשטייט זיך, אַז ס'זענען אויך געווען עטלעכע שטערונגען ווען די יונגע חברה האָבן געוואָלט זיך לאָזן ווילגיין מיט זייער טומלדיקער פאַרטויבנדיקער מוזיק.

אָבער דאָס אַלץ האָט בכלל ניט געשטערט דעם אַלגעמיינעם גרויסן דערפאָלג פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַנאַרכיסטישן צוזאַמענקום. כמעט אַלע באַטייליקטע זענען געווען איבערצייגט, אַז דאָס, וואָס איז געשען אין ווענעציע, וועט העלפן קלאָר מאַכן די טעאָריע און פּראַקטיק פון דעם אַנאַרכיזם פאַר אונדזער צייט.

ס'איז שווער אָפּצושאַצן גענוי וויפל מענטשן ס'זענען געקומען צום צוזאַמענטרעף אין ווענעציע. טייל שאַצן אַזוי הויך ווי זעקס טויזנט; אַנדערע האַלטן, אַז ס'איז געווען אַן ערך אַ העלפט פון דער דאָזיקער צאָל. די אוממעגלעכקייט פון אַ גענויען אָפּשאַץ באַשטייט אין דעם, וואָס בעת די פינף טעג פונעם צוזאַמענקום האָבן מענטשן געהאַלטן אין איין קומען און אַוועקגיין, הגם דער רוב פונעם עולם איז פאַרבליבן אויף דער גאַנצער צייט פונעם צוזאַמענטרעף. דערפאַר, אָבער, ווייסן מיר יאָ גענוי, אַז ס'זענען געווען פאַרטראָטן דרייסיק לענדער. אין צוגאָב צו די לענדער פון אייראָפּע און צפון־אַמעריקע, זענען אויך געקומען חברים און חברטעס פון קאָרעאַ, האָנג קאָנג, אויסטראַליע, ניי־זעעלאַנד, מעקסיקע, ווענעזועלאַ, און אַרגענטינע. ס'זענען אויך געקומען אַ היפּשע צאָל פּליטים־אַנאַרכיסטן פון אורוגווייַ, פּאַראַגווייַ, בראַזיליע. און פון מזרח־אייראָפּע. דאָ איז כדאַי צו דערמאָנען, אַז אונדזער פּוילישער חבר לעשעק קאָוואַלסקי, וואָס איז איצט אין גלות אין פּאַריז, ווו ער איז איינער פון די פאַרטיידיקערס פון „סאָלידאַרנאָשטש", האָט אָנגעפירט מיט אַן אויסגעצייכנטער פּאַנעל־דיסקוסיע וועגן דער לאַגע אין פּוילן און דער אַנאַרכיסטישער השפעה דאָרטן.

ס'האָבן, אָבער, אויסגעפעלט די חברים פון בולגאַריע, יאַפּאַן, און פון ישראל. פון דער יידישער מדינה האָבן געזאָלט קומען מיכאַאיל אַגורסקי און דימיטרי סעגאַל; זיי זענען, אָבער, ניט געקומען. ס'איז אויך ניט געקומען קיינער פון די „פּראַ־בלעמען", ניט יוסף לודען און ניט שמחה האַמבורג. קאָן זיין, אַז די סיבה פון זייער ניט קומען זענען געווען פינאַנציעלע שוועריקייטן. וואָרן מיר טאָרן ניט פאַרגעסן, אַז אַלע באַטייליקטע האָבן געמוזט קומען אויף זייערע אייגענע הוצאות; זיי האָבן געמוזט דעקן סיי די רייזע־קאָסטן און סיי פאַר זייער אויפהאַלט אין ווענעציע. און דאָס איז דאָך פאַר אַ סך פון אונדזערע חברים און חברטעס איבער דער גאָרער וועלט געווען ניט קיין גרינגער ענין. אָבער דאָך, ווי געזאָגט, זענען געווען פאַרטראָטן אויפן צוזאַמענקום אין ווענעציע דרייסיק לענדער. און אַפילו נאָכן צוזאַמענקום, ווען אַ פּופציק חברים און חברטעס זענען פאַרבליבן צו העלפן אָפּראַמען די פּלעצער און פונאַנדערנעמען די זייער שווערע אינסטאַלירונגען, זענען מיר, די פּופציק מענטשן, געווען געקומענע פון פערצן פאַרשיידענע לענדער.

אַ סך פון די חברים און חברטעס, וואָס זענען געקומען צום צוזאַמענטרעף אין ווענעציע, האָבן אויך אָפּגעשטאַט ווי־זיטן אין זשענעווע, כדי זיך צו באַקענען מיט דער אַרבעט פון „סיראַ", דעם אינטערנאַציאָנאַלן צענטער פאַר אַנאַרכיסטישער פאָרשונג. און אין די שמועסן מיט זיי איז געקומען צום אויסדרוק דער אַלגעמיינער פאַרלאַנג אָנצוהאַלטן און צו פאַרטיפן די קאָנטאַקטן, וואָס זיי האָבן געמאַכט אין ווענעציע און אין זשענעווע, כדי אויפצולעבן דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַנאַרכיזם.

פאַרשטייט זיך, אַז ס'וואָלט געווען געווונטשן אַרויסצוגעבן אַ בוך אַ דעטאַלירטן באַריכט פונעם צוזאַמענקום אין ווענעציע. ס'איז, אָבער, איצטער שווער פאָרויסצוזאָגן, צי אַזאַ בוך וועט טאַקע קאָנען דערשיינען. אַזאַ בוך וועט דאָך פאָדערן אַ סך אַרבעט און געלט, באַזונדערס אויב מיר ווילן דאָס דאַרפן אַרויסגעבן אין עטלעכע לשונות. ס'איז, אָבער, זיכער, אַז ס'וועלן דערשיינען אַ סך באַריכטן אין כלערליי לשונות און איטלעכער באַריכט וועט מסתמא זיין אַנדערש ווי אַלע אַנדערע. וואָרן אַזאַ צוזאַמענקום ווי ס'איז געווען אין ווענעציע האָט דאָך אַ סך אַספּעקטן און איטלעכער באַריכט־אָפּגעבער וועט אים באַהאַנדלען פון זיין אייגענעם קוקווינקל. מיר קאָנען אויך זיין זיכער, אַז די דיסקוסיעס וועגן דעם דאָזיקן צוזאַמענקום און די אָפּשאַצונגען וועגן אים, סיי די קריטישע און סיי די לויבערישע, וועלן אָנהאַלטן אויף אַ לענגערער צייט.

ס'איז אויך מעגלעך, אַז מיר זאָלן קאָנען אַרויסגעבן, אויב מיר וועלן האָבן די פינאַנציעלע מיטלען, אַ בוך, וואָס וועט אָפּשפּיגלען די פילפאַרביקייט פון די צאָלרייכע אויסשטעלונגען אין ווענעציע. פאַראַן אויך פּלענער אַרויסצוגעבן

# אונדזער חבר לייזער מילשטיין האָט נחת פון זיין זון

פּ. קאָנסטאַן

נחת פון קינדער איז בדרך כלל ניט קיין ענין פאַר וועלטנייעס. אָבער אין דעם פאַל האַנדלט עס זיך וועגן ד״ר סעסאַר מילשטיין, דעם עלטסטן זון פון אונדזער גוטן חבר לייזער מילשטיין, פון בוענאָס איירעס וואָס האָט לעצטנס באַקומען, צוזאַמען מיט צוויי אַנדערע מעדיצינישע וויסנשאַפטלער, דעם נאָבעל־פּריז פאַר מעדיצין פאַרן יאָר 1984. און דאָס טאַקע איז געוואָרן אַ וויכטיק שטיקל וועלטנייעס, וואָס איז גיך טראַנסמיטירט געוואָרן איבער די טעלעוויזיעס און ראַדיאָס פון דער גאַרער וועלט און פּראָמינענט אָפּגעדרוקט געוואָרן אויף די פראָנט־זייטן פון די גרעסטע וועלט־צייטונגען אין אַלע זיבעציק לשונות. דעם נאָבעל־פּריז האָבן ד״ר מילשטיין און זיינע צוויי מיטגעווינערס געוואונען פאַר דעם גרויסן אויפטו אויפן געביט פון אימוניטעט; זיי האָבן אויסגעפונען אַ מיטל ווי אַזוי צו פאַרשטאַרקן דעם ווידערשטאַנדס־כוח פונעם מענטשלעכן גוף קעגן אַ צאָל חולאתן.

פאַרשטייט זיך, אַז מיר האָבן דאָ ניט בדעה אויפצוקלערן די פּרטים פון דעם מעדיצינישן אויפטו, וואָס האָט אָנגעמאַכט אַזאַ גרויסן רושם איבער דער גאַרער וועלט. מיר ווילן אָבער יאָ דערציילן דאָס, וואָס די וועלטנייעס האָט ניט איבערגעגעבן, נעמלעך, וועגן די עלטערן, דער היים, דער סביבה, וואָס אין איר איז אויסגעוואַקסן ד״ר סעסאַר מילשטיין.

דער פאָטער פונעם נאָבעל־פּריז, אונדזער חבר לייזער מילשטיין, איז צו זיינע פופצן יאָר אָנגעקומען פון רוסלאַנד קיין אַרגענטינע אין 1913. ער איז גלייך אַוועק אַרבעטן אויף די פעלדער פון די יידישע קאָלאָניעס ביי יידישע קאָלאָניסטן. שפּעטער האָט ער געוווינט אין דער שטאָט באַהיאַ בלאַנקאַ, וווּ ער איז געוואָרן אַ פאַרטרעטער פון עטלעכע האַנדלס־פירמעס. אין 1950 האָט ער זיך אַריבערגעצויגן קיין בוענאָס־איירעס. ער און זיין פרוי מאַשע, אַ לערערין, וואָס האָט געבוירן דריי זין, סעסאַר, נעסטאָר, און אָסקאַר, זענען ביידע געווען אַקטיוו אויף די געביטן פון יידישער וועלטלעכקייט און וועלטלעכער יידישקייט. פאַרשטייט זיך, אַז אַלע דריי האָבן באַקומען אַ יידיש־וועלטלעכע דערציאונג. זיי זענען געגאַנגען אין אַ יידישע שול אין זייער עלטער פון זיבן ביז צוועלף יאָר. אין באַהיאַ בלאַנקאַ האָבן זיי פאַרענדיקט גימנאַזיע און זיי זענען געווען אַקטיוו אינעם יידישן סטודענטישן צענטער דאָרטן. אין בוענאָס־איירעס, בעת זייער שטודירן אין אוניווערסיטעט, זענען זיי געווען אַקטיוו אין די סטודענטישע קרייזן מיט סאָציאַל־עקאָנאָמישע אידעען פון אַ פרייהייטלעך סאָציאַליסטישן כאַראַקטער, וואָס איז געווען נאָענט צו דער אַנאַרכיסטישער אידעאָלאָגיע פון זייערע עלטערן. דאָס איז געווען אין די צייטן פון פּעראָנס ממשלה איבער אַרגענטינע, ווען אַזאַ אידעאָלאָגיע איז ניט געווען שטאַרק פּאָפּולער.

נאָכן פאַרענדיקן דעם אוניווערסיטעט אין בוענאָס־איירעס, איז סעסאַר מילשטיין געוואָרן אַ מעדיצינישער פאָרשער און זיינע צוויי יינגערע ברידער זענען געוואָרן אינזשענירן. שפּעטער האָט ד״ר סעסאַר מילשטיין רעזיגנירט פון דעם אוניווערסיטעטישן פאָרשצענטער אין בוענאָס־איירעס אַלס סאָלידאַריטעט מיט אַ פּראָפעסאָר, וואָס איז, מחמת פּאָליטישע טעמים, אָפּגעזאָגט געוואָרן פון זיין פּאָסטן. דעמאָלט איז ד״ר מילשטיין אַוועק קיין קעימברידזש, ענגלאַנד, וווּ ער האָט פריער געהאַט שטודירט פאַר זיין דאָקטאָראַט, און ער האָט אָנגעהויבן צו אַרבעטער אויף זיין גרויסער דערפינדונג, וואָס איז טאַקע געקרוינט געוואָרן מיטן גרעסטן דערפאָלג. דאָ איז כדאי צו דערמאָנען, אַז ד״ר מילשטיין וואָלט געקאָנט זיין אַ מילטי־מיליאָנער, אויב ער וואָלט זיינע אויפטוען געהאַלטן פּאַטענטירט און געפאָדערט טאַנטיעמען פאַר די מעדיצינען, וואָס ווערן פּראָדוצירט אויפן יסוד פון זיינע דערפינדונגען. פאַר אַ יאָרן, למשל, זענען זיינע רפואות פאַרקויפט געוואָרן איבער דער גאַרער וועלט אינעם ווערט פון אַ האַלבן ביליאָן (מיליאַרד) דאָלער. און הייאָר וועלן זיינע מעדיצינען זיך פאַרקויפן פאַר אַ גאַנצן ביליאָן (מיליאַרד)

---

אַ זאַמלונג פון יחידישע טעקסטן, ביאָגראַפיעס און אויטאָביאָגראַפיעס, ווי אויך אינדיווידועלע אָפּשאַצונגען פון באַטייליקטע חברים און חברטעס. אָבער וואָס די פּלענער זאָלן ניט זיין און וואָס די מעגלעכקייט פון זייער רעאַליזירונג זאָל ניט זיין, איין זאַך איז שוין זיכער איצטער: דער אינטערנאַציאָנאַלער אַנאַרכיסטישער צוזאַמענקום אין ווענעציע מיט דעם מאָטאָ: „1984״ איז געווען דערפאָלגרייך, און די אַרבעט, וואָס די איבערגעגעבענע צוגרייטערס און צוגרייטערינס האָבן אין אים אַריינגעלייגט, איז געווען זייער אָנגעלייגט און זי וועט ברענגען גוטע רעזולטאַטן פאַרן אויפלעב פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַנאַרכיזם.